# געשטאַלטן און גורלות

ד״ר משה קיאַק

## זיגמונד פרויד און דער האַלסמאַן־פּראָצעס

״די אָפּשאַצונג פון דער פאַקולטעט אינעם האַלסמאַן פּראָצעס״[1] איז זיגמונד פרוידס אַן אַרבעט, וואָס איז געדרוקט געוואָרן דעם 14טן דעצעמבער 1930 אין דער ווינער צייטונג *״נייע פרייע פּרעסע״*. די דאָזיקע אַרבעט איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע פּסיכאָאַנאַליטישע זשורנאַלן און זינט 1934 איז זי אַריינגענומען געוואָרן אין זיינע *״געזאַמלטע ווערק״*. אינעם אַריינפיר צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון פרוידס ווערק[2], לאָזט אונדז וויסן דזשיימס סטרעטשיי אַז דער דאָזיקער אַרטיקל האָט פרויד אָנגעשריבן אַ קורצע צייט איידער ער איז געדרוקט געוואָרן, ווען דער ד״ר יוסף הופּקאַ, יוריספּרודענץ־פּראָפעסאָר פון דער ווינער אוניווערסיטעט, האָט אים געבעטן זיין מיינונג אין שייכות מיט אַ פּראָצעס. דער אָנגעקלאָגטער איז געווען פיליפּ האַלסמאַן, אַ 22 יאָריקער סטודענט, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין האָבן דערמאָרדעט זיין פאָטער. דער אינסברוקער געריכט האָט געפּסקנט אַז ער איז שולדיק. איינע פון די עלעמענטן, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט כדי צו באַרעכטיקן דעם אורטייל, איז געווען אַ באַריכט וואָס דער מעדיצין־פאַקולטעט פון אינסברוק האָט צוגעשטעלט. דער דאָזיקער באַריכט האָט זיך פאַררופן אויף פרוידס טעאָריעס, און געהאַלטן אַז ביים אָנגעקלאָגטן איז צו דערקענען אַן ״אַקטיוון״ עדיפּוס־קאָמפּלעקס.

דער ד״ר הופּקאַ, וואָס איז זייער אומצופרידן געווען מיטן פּסק־דין, האָט פאַרעפנטלעכט אין דער *״נייער פרייער פּרעסע״*, דעם 23טן און 24טן נאָוועמבער 1930, אַ לאַנגן אַרטיקל. כדי צוצוגרייטן אָט דעם אַרטיקל, האָט ער געהאַט געבעטן ביי פרוידן זיין מיינונג. און פרוידס פריער דערמאָנטע אַרבעט איז דער מעמאָראַנדום וואָס ער האָט צוגעשיקט הופּקאַן.

לויט פרוידס מיינונג איז דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס אַן אוניווערסאַלע דערשיינונג, אָבער דאָס באַרעכטיקט נישט צו האַלטן אים אַלס סיבה פונעם כלומרשטן פאָטער־מאָרד. דערצו נאָך זענען נישט געווען קיין אַנדערע באַווייזן אַז דער זון זאָל האָבן באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן.

אָט די קורצע אַרבעט פון פרויד איז איינע פון די צום ווינציקסטן געלייענטע. ערנסט דזשאָנס,[3] דער מחבר פון פרוידס בעסטער ביאָגראַפיע, אין וועלכער ער קאָמענטירט אַלע זיינע

1 Freud, S. (1930-1931); “Das Fakultatsgutachten im Prozess Halsmann”, *G.W.* XIV 542/3. S. Fisher Verlag, 1968, Frankfurt am Main.

2 Freud, S.: “The Expert in the Halsmann Case”, *Standart Edition* XXI, 251/3. The Hogarth Press, London, 1973.

3 Jones, E.: *Vida y obra de Sigmund Freud.* T. III, Nova, Buenos Aires, 1962.



דער באַקאַנטער פֿאָטאָגראַפֿישער אויטאָפּאָרטרעט פֿון פֿיליפּ האַלסמאַן ״מיט אַן אָפּגעזונדערטן קאָפּ״

ווערק, דערמאָנט אַז ״די אָפּשאַצונג פֿון דער פֿאַקולטעט אינעם האַלסמאַן־פּראָצעס איז געשריבן געוואָרן פֿאַר האַלסמאַנס פֿאַרטיידיקער״, און מיט אָט די ווערטער גיט ער איבער דעם אינהאַלט:

> פֿרוידס קאָמענטאַרן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם געפֿאַר אָנצונעמען בוכשטעבלעך דעם באַגריף ״עדיפּוס־קאָמפּלעקס״ אינעם לעבן פֿון אַ דערוואַקסענעם, ווען עס זענען נישטאָ קיין באַווייזן אַז אָט דער קאָמפּלעקס איז באמת טעטיק.

עס איז מערקווירדיק דער פֿאַקט, וואָס אָט דער אַרטיקל ווערט נישט דערמאָנט אין אַזעלכע וויכטיקע פֿרויד־ביאָגראַפֿיעס, ווי די פֿאַרפֿאַסטע פֿון פּיטער גיי און עמיליאָ ראָדריגע. עס איז מיר נישט באַקאַנט קיין שום אַנדער אַרבעט וועגן אָט דעם אַרטיקל.

אין די אַרבעטן פֿון פֿאַרשידענע מחברים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין די באַקאַנטסטע פּסיכאָאַנאַליטישע זשורנאַלן, ווערט ״די אָפּשאַצונג פֿון דער פֿאַקולטעט אינעם האַלסמאַן־פּראָצעס״ בלויז דערמאָנט אויבערפֿלעכלעך צוויי מאָל – ביי אַנאַ פֿרויד און ביי גאָלדשטיין.[4]

פֿונדעסטוועגן זענען אין פֿרוידס אַרטיקל פֿאַראַן גענוג עלעמענטן וואָס זענען ווערט מען זאָל זיך אין אים פֿאַרטיפֿן, און דאָס איז מיין כוונה ביים צוגרייטן מיין אַרבעט. ס׳איז נישט מיין ציל דאָ אויסצושעפּן דעם ענין, בלויז דער אָנהייב פֿון אַ לענגערער פֿאָרשונג.

## מערקווערדיקע פּרטים

דאָס ערשטע, וואָס רופֿט אַרויס אויפֿמערקזאַמקייט, איז דער פֿאַקט וואָס פֿרויד האָט באַשלאָסן אָפּצודרוקן זיין קורצן מעמאָראַנדום פֿאַר ד״ר הופֿקאַ סיי אין דער פּרעסע און סיי אין די פּסיכאָאַנאַליטישע זשורנאַלן. אָן שום ספֿק איז פֿאַר אים געווען וויכטיק, אַז זיינע

4 Anna Frued: Diagnostic Skills and their grouth in Psycho-Analysis. *Int. Journal of Psycho-Analysis*, 46: 31-38 (1965); J. Goldstein: Psycho-Analysis and Jurisprudence – On the Relevance of Psycho-Analytic Theory to Law. *Psycho-Analytic Study of the Child*. 23: 459-479 (1968).

טעאָריעס זאָלן נישט באַנוצט ווערן אויף אַ פֿאַלשן אופֿן. אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז נישט געווען די איינציקע און אפֿילו נישט די וויכטיקסטע כּוונה, צוליב וועלכער ער האָט געוואָלט באַקאַנט מאַכן זיין שטעלונג אין שייכות מיטן האַלסמאַן־פּראָצעס. עס איז פֿאַראַן אויך עפּעס וואָס מען געפֿינט זעלטן ביי פֿרוידן: דער פּאָלעמישער טאָן מיט וועלכן ער האָט דעם אַרטיקל אָנגעשריבן. ער קריטיקירט זייער שטאַרק סיי די, וואָס האָבן פֿאַרמישפּט האַלסמאַנען, סיי די פֿאַקולטעט־עקספּערטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די כּלומרשטע מאָטיוון וואָס זאָלן האָבן געטריבן דעם באַשולדיקטן דורכצופֿירן דעם מאָרד. ווי אַ ביישפּיל וויל איך ברענגען עטלעכע טיילן פֿון זיין אַרטיקל. באַלד ביים אָנהייב ברענגט פֿרויד אַ ציטאַט פֿונעם פֿראַנצויזישן פֿילאָסאָף דידעראָ:

ווען די קליינע ווילדע באַשעפֿעניש (דאָס קינד מ. ק.) וואָלט געקענט זיך פֿירן אומגעצוימט און געטריבן פֿון זיין אומזיניקייט; ווען ער וואָלט געהאַט, צוזאַמען מיטן שׂכל פֿון אַ פּיצל קינד דעם געוואַלדיקן אימפּעט געטריבן פֿון דער תּאווה פֿון אַ דרייסיק יאָריקן מאַן, וואָלט ער אָן קיין שום צווייפֿל דערשטיקט דעם טאַטן און פֿאַרגוואַלדיקט די מאַמע.

ער גיט ווייטער צו:

ווען מען וואָלט מיט פֿאַקטן דערוויזן אַז פֿיליפּ האַלסמאַן האָט דערמאָרדעט זיין פֿאָטער, וואָלט מען באמת געהאַט אַ רעכט צו זאָגן אַז דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס איז געווען די סיבה פֿון אַזאַ טאַט וואָס איז אַנדערש נישט פֿאַרשטענדלעך. אַזוי ווי אַזאַ באַווייז איז נישט פֿאַראַן, קען דאָס דערמאָנען דעם עדיפּוס־קאָמפּלעקס בלויז פֿאַרפֿירן דעם געדאַנק, און אין בעסטן פֿאַל איז עס איבעריק.

פֿרוידס מיינונג איז אַ קלאָרע: די באַשולדיקונג קעגן האַלסמאַנען האָט נישט קיין שום אָנשפּאַר, ווי עס האָט נישט קיין אָנשפּאַר דאָס פֿאַררופֿן זיך אויף דער פּסיכאָאַנאַליטישער טעאָריע. אָט דאָס לעצטע, האַלט ער, ווערט געטאָן מיט אַ בייזער כּוונה.

ער שרייבט ווייטער:

אויף וויפֿל די אויספֿאָרשונג האָט אויפֿגעדעקט בשייכות מיט דער באַציאונג צווישן פֿאָטער און זון, זענען נישטאָ קיין מאָטיוון צו גלייבן אַז עס זענען געווען מחלוקות צווישן זיי. פֿונדעסטוועגן, ווען ס׳וואָלט אפֿילו אַזוי נישט געווען, פֿעלט נאָך אַ סך צו באַהויפּטן אַז אָט די מחלוקות האָבן געפֿירט צום מאָרד. דווקא ווייל דער עדיפּוס־קאָמפּלעקס איז אַן אוניווערסאַלער, קען מען זיך נישט אָנשפּאַרן אין אים כּדי צו באַשולדיקן עמעצן. אויב מען טוט עס וואָלט זיך געשאַפֿן דער זעלבער מצב וואָס מען געפֿינט אין אַ באַקאַנטן אַנעקדאָט: מען האָט באַגנבֿעט אַ דירה באַנוצנדיק אַ פֿאַלשן שליסל. מען פֿאַרמישפּט איינעם ביי וועמען מען האָט געפֿונען אַזאַ מין שליסל. און ווען מען פֿרעגט אים, נאָכן לייענען דעם פּסק־דין, צי ער האָט עפּעס צו זאָגן, ענטפֿערט ער אַז ער פֿאַרלאַנגט מען זאָל אים פֿאַראורטיילן אויך אין האָבן באַגאַנגען אַ סעקסועלן פֿאַרברעכן, ווייל ער האָט ביי זיך די געהעריקע מכשירים.

פרוידס קריטיק, סיי קעגן דעם טריבונאַל, סיי קעגן די עקספּערטן, איז אַ קלאָרע.

ווייטער, אין זיין אַרטיקל פֿאַררופֿט זיך פֿרויד אויף דאָסטאָיעווסקיס *"ברידער קאַראַמאַזאָוו"*. בעת דעם מישפּט וואָס מעם פֿירט קעגן דימיטרין, ווען מען באַשולדיקט אין האָבן דערמאָרדעט זיין פֿאָטער, פֿאַררופֿט זיך דער באַשולדיקער אויף דער פּסיכאָלאָגיע. אויף דעם ענטפֿערט דימיטרי: "די פּסיכאָלאָגיע איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן". אָן קיין שום צווייפֿל באַנוצט זיך פֿרויד מיט אָט דעם ציטאַט, כדי צו באַשולדיקן די, וואָס האָבן פֿאַראורטיילט האַלסמאַנען. דער שטעקן מיט וועלכן זיי באַנוצן זיך, נוצט פֿרויד אויס כדי זיי אָנצוגרייפֿן. דעם יורידישן סיסטעם מוז מען פֿאָרוואָרפֿן דאָס האָבן באַגאַנגען אַ שווערן פֿאַרברעכן. מען קאָן אָבער נישט וויסן ביז אַהער, פֿאַרוואָס האָט פֿרויד זיך אַזוי פֿאַראינטערעסירט אין אָט דעם פּראָצעס און זיך אַזוי שאַרף און מוטיק אַרויסגעזאָגט קעגן די, וואָס האָבן פֿאַרמישפּט דעם סטודענט פֿיליפּ האַלסמאַן. מעגלעך אַז דאָס באַקענען זיך בעסער מיט די פֿאַקטן וועט אונדז געבן מער גרונט צו קענען ענטפֿערן, אויב נישט אינגאַנצן, איז כאָטש טיילווייז אויף אָט דער פֿראַגע.

## דער פֿאַל האַלסמאַן

דעם 10טן סעפּטעמבער 1928 האָבן ד"ר מאָרדוך (מרדכי) האַלסמאַן און זיין זון געמאַכט אַ שפּאַציר אינעם צילערטאָל, אין די טיראָלער אַלפּן. דער ערשטער איז געווען אַ יידישער ציינדאָקטער פֿון ריגע, די הויפּטשטאָט פֿון לעטלאַנד. ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין פֿרוי איטע, זיין טאָכטער ליובאַ און זיין זון פֿיליפּ, אַ 22 יעריקער סטודענט, וואָס האָט אין דער טעכנישער הויכשול פֿון דרעזדען געלערנט עלעקטראָטעכניק. זיי זענען געקומען קיין טיראָל, עסטרייך, פֿאַרענדיקנדיק אַ לאַנגן וואַקאַציע־רייזע. פֿריער האָבן זיי באַזוכט פֿאַרשידענע געגנטן אין דייטשלאַנד, שווייץ און איטאַליע. בעת דעם שפּאַציר איבערן צילערטאָל איז דער זון געגאַנגען אַ לאַנגע שטרעקע פֿאָרויס, און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט און נישט געזען זיין פֿאָטער, האָט ער זיך אומגעקערט און געפֿונען אים אַ געפֿאַלענעם אין אַן אָפּגרונט, ביי אַ טייכל. ער איז שנעל געלאָפֿן צו אַ נאָענטן גאַסטהויז נאָך הילף, און ביים אומקערן זיך האָט מען געטראָפֿן דעם ד"ר האַלסמאַן אַ טויטן, מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן קאָפּ.

ער האָט געהאַט באַקומען אַ שטאַרקן האַק מיט אַ שטיין, וואָס מען האָט שפּעטער געפֿונען באַשפּריצט מיט זיין בלוט. דער וואָס האָט אים דערמאָרדעט האָט ביי אים צוגענומען זיינע ברילן וואָס האָבן געהאַט אַ גאָלדענע רעם און זיין בייטל וועלכן מען האָט שפּעטער געפֿונען אַ ליידיקן.

צוויי ענלעכע מאָרדן זענען געהאַט פֿאָרגעקומען אין יענעם געגנט מיט אַ צייט צוריק און אין ביידע פֿאַלן האָט מען די מערדער נישט געפֿונען. נאָך אַ שנעלער אויספֿאָרשונג, וואָס די אינסברוקער פּאָליציי האָט דורכגעפֿירט מיט דער מיטהילף פֿון אַ מינכענער דעטעקטיוו, וואָס איז פּונקט געווען אין יענעם געגנט אויף וואַקאַציע, איז מען געקומען צום אויספֿיר אַז דער זון האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעם מאָרד. די עפֿנטלעכע מיינונג האָט אָבער נישט דערלויבט אַז דער ענין זאָל אַזוי בלייבן. האָט זיך דעם 16טן סעפּטעמבער אָנגעהויבן דער

מישפּט קעגן פיליפּ האַלסמאַן, אַ באַשולדיקטער אין האָבן דערמאָרדעט זיין פאָטער. בעת דעם מישפּט איז קלאָר געוואָרן די גרויסע ראָל וואָס עס האָט געשפּילט דער אַנטיסעמיטישער קאָמפּאָנענט. און די אויסדרוקן פון יידנהאַס זענען איבערהויפּט געווען געצילט סיי קעגן דעם באַשולדיקטן, סיי קעגן זיין מוטער.

דער זון האָט געהאַט געבעטן אַז מען זאָל באַערדיקן דעם פאָטער אין תכריכים און וואָס גיכער, לויטן יידישן דין. דער אָנגעשטעקטער מיט שנאה עולם האָט דאָס אויסגעטייטשט אַז דער זון האָט אַזוי געהאַסט זיין פאָטער, אַז ער האָט געוואָלט וואָס גיכער און אויף אַן אומבכבודיקן אופן, פּטור ווערן פון אים. אַ בישאָף פון יענעם געגנט האָט בעת דער מעסע אַזוי זיך אויסגעדרוקט "דער גייציקער און אוממענטשלעכער זון האָט אפילו נישט געהאַט דאָס ביסל מאָראַל וואָס יודאַס האָט אַרויסגעוויזן נאָכן פאַרראַטן קריסטוסן, וועלכער האָט נאָכאַלעמען חרטה געהאַט און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

אַ פאַרשפּרייטער פּלאַקאַט, אונטערגעשריבן פון דער "אַנטיסעמיטישער ליגע" האָט גערופן צו אַ מיטינג מיט אָט די ווערטער: "דער האַלסמאַן־פּראָצעס ווייזט קלאָר, פאַר יעדן וואָס וויל עס זען, דעם מאָנסטערדיקן איינפלוס און דעם קלאַן־גייסט פון די יידן. דער ייד באַהערשט דאָס דייטשישע פאָלק. אַנטיסעמיטן, קומט און העלפט אונדז אינעם קאַמף קעגן אונדזערע אונטערדריקער".

צוויי וויכטיקע פאַקטן מוז מען אָנווייזן אין שייכות מיט דער אויספאָרשונג וואָס איז געפירט געוואָרן בעת אָט דעם פּראָצעס: עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט אָנגעווענדעט דאָס פאַרגלייכן די בלוט־גרופּע פונעם קרבן און פונעם בלוט וואָס מען האָט געפונען אויפן שטיין. דער צווייטער פאַקט איז אַ גאַנץ אומהיימלעכער. דער פּראָפעסאָר קאַרל מייקסנער פונעם אינסטיטוט פאַר געריכטלעכער מעדיצין פון דעם אינסבּרוקער אוניווערסיטעט האָט אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פונעם קרבן און אים באַנוצט ווי אַ באַווייז בעתן מישפּט. אָט דער אומזיניקער טאַט, אַ חילול המת סיי פאַר יידן, סיי פאַר קריסטן, איז אַן איין און איינציקער אין דער געשיכטע פון דער יוריספּרודענץ.[5]

די באַשולדיקונגען בעתן מישפּט קעגן פיליפּ האַלסמאַנען, אַז די סיבות צוליב וועלכע ער זאָל האָבן כלומרשט דערמאָרדעט זיין פאָטער, האָבן זיך אַרויסגעוויזן דורכאויס פאַלש. ס׳איז ניט דערוויזן געוואָרן אַז פיליפּ האָט טאַקע געוואָלט באַקומען דעם באַטרעף פון זיין פאָטערס לעבן־פאַרזיכערונג, ניט אַז די באַציאונגען צווישן פאָטער און זון זאָלן טאַקע זיין שלעכטע. פונדעסטוועגן האָט דער ריכטער געהאַלטן אַז כאָטש עס איז נישט מעגלעך צו געפינען אַ סיבה, איז דאָס נאָך נישט קיין באַווייז אַז עס איז נישט פאַראַן קיין סיבה.

דעם 17טן דעצעמבער 1928 האָט מען פיליפּן פאַרמישפּט אויף 10 יאָר טורמע.

דער מישפּט האָט אויפגערודערט אַלע שטאַפּלען פון דער עסטרייכישער געזעלשאַפט. פיל מאַניפעסטאַציעס זענען פאָרגעקומען סיי פאַר, סיי קעגן דעם באַשולדיקטן. אָט די לעצטע זענען געווען אָפענע אַנטיסעמיטישע אָנגריפן. מיט פיל רעכט האָט מען דעם האַלסמאַן־פּראָצעס אָנגערופן "דער עסטרייכישער־דרייפוס־פּראָצעס".

5 Hendler, Dr. Edmundo (2003) פּערזענלעכע אינפאָרמאַציע

דעם 29טן סעפּטעמבער 1929 האָט דער עסטרײַכישער הויפּט־געריכט פאַראָרדנט דורכצופירן אַ צווייטן מישפּט, ווי אַן ענטפער אויף דער אַפּעלאַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב די אומלעגאַלע מיטלען מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט בעת דעם ערשטן פּראָצעס, און צוליבן פּסק־דין, וואָס האָט זיך נישט אָנגעשפּאַרט אין קיין שום ראיות. דער צווייטער מישפּט איז אויך פאָרגעקומען אין אינסברוק, ווייל די בקשה פון דער פאַרטיידיקונג אַז ער זאָל געפירט ווערן ערגעץ אַנדערש, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. טאָג־טעגלעך פלעגן פאָרקומען אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס, און אין דער פּרעסע האָט מען כסדר באַשמוצט דעם באַשולדיקטן. אויף די ווענט פון פיל הייזער אין אינסברוק זענען געווען פּלאַקאַטן מיט זידל־ווערטער קעגן פיליפּ האַלסמאַנען.

דער הויפּט־באַשולדיקער האָט געבעטן אַ מיינונג ביי די עקספּערטן פון דער אינסברוקער מעדיצין־פאַקולטעט. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער זייער באַריכט אין וועלכן זיי פאַררופן זיך אויפן עדיפּוס־קאָמפּלעקס. אין יענעם מאָמענט האָט ד״ר הופּקאַ געבעטן ביי פרוידן זיין מיינונג.

טראָץ אַלעמען האָט דער טריבונאַל דעם 19טן אָקטאָבער 1929 געפּסקנט אַז פיליפּ האַלסמאַן איז שולדיק און האָט אים פאַראורטיילט אויף 4 יאָר תפיסה און צוואַנג־אַרבעט און אויך פאַרפליכטעט אים צו פאַסטן יעדן יאָרצייט פון זיין פאָטערס מאָרד. בעת מען האָט אים אַרויסגעפירט פונעם געריכט, האָט האַלסמאַן, שרייענדיק, באַשולדיקט די כלומרשטע פאַרטיידיקער פון דער גערעכטיקייט, אַז זיי זענען ״יוסטיץ־מערדער״.

ליובאַ, פיליפּס שוועסטער, האָט באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין כדי צו רעווידירן דעם פּראָצעס. היות ווי דאָס דורכפירן אַ דריטן פּראָצעס איז געווען אוממעגלעך, האָט זי אָנגעווענדעט אירע כוחות אין אַן אַנדער ריכטונג. זי האָט זיך געווענדעט סיי צו אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן, סיי צו וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט. צווישן זיי איז וויכטיק צו דערמאָנען לאָרד פּאָל פּיינלעווע (Lord Paul Peinlevé), פראַנקרייכס קריגס־מיניסטער און פריער צוויי מאָל פּרעמיער־מיניסטער, און פאָרזיצער פון דער עסטרייך־פראַנצויזישער געזעלשאַפט, און אַלבערט איינשטיין, שוין דעמאָלט אַ זייער באַקאַנטער וויסנשאַפטלער. אָט דער לעצטער האָט זיך געווענדעט צו ווילהעלם מיקלאַס, עסטרייכס פּרעזידענט, לטובת האַלסמאַנען, אָבער אָן קיין שום רעזולטאַט.

עס איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע לטובת דעם באַשולדיקטן, אין וועלכער עס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, צווישן אַנדערע, זיגמונד פרויד און די שרייבער טאָמאַס מאַן און יעקב וואַסערמאַן. גאָר אַן אַקטיווע ראָל אינעם פאַרטיידיקן האַלסמאַנען האָט געשפּילט דער אַדוואָקאַט און זשורנאַליסט ערנסט רוזיצקאַ. איינער פון די אַדווקאָקאַטן האָט אַפּעלירט צו דער פראַנצויזישער זשורנאַליסטין בערטאַ צוקערקאַנדל, אַ שוועגערן פון זשאָרזש קלעמענסאָ (קלעמענסאָ איז געווען איינער פון די העלדישסטע פאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַן דרייפוס; אין זיין צייטונג *L’Aurore* האָט עמיל זאָלאַ פאַרעפנטלעכט זיין באַרימטן J’accuse). בערטאַ צוקערקאַנדלען איז געלונגען אַז פּאָל פּיינלעווע זאָל זיך צונויפקומען אין פּאַריז מיטן עסטרייכישן קאַנצלער יאָהאַן שאָבער. אין אַ בריוו וואָס דער ערשטער האָט געשיקט שאָבערן, האָט ער צו אים געשריבן אַז ״...פיליפּ



איינער פון אַ גאַנצער ריי פּיליפּ האַלסמאַנס באַרימטע פּאָטאָפּאָרטרעטן פון אַלבערט איינשטיין

האַלסמאַן איז אַ קרבן פון אַ געפערלעכער באַוועגונג וואָס פאַרשפּרייט זיך פון דייטשלאַנד און וואָס שטעלט אין געפאַר דעם רואיקן סאָציאַלן קלימאַט אין זיין לאַנד״. אַדאַנק זיין אינטערוועניץ האָט מען האַלסמאַנס פיר יאָר תפיסה פאַרקירצט אויף צוויי.

דעם 30טן סעפּטעמבער, נישט האָבנדיק אים רעאַביליטירט, האָט מען אים באַפרייט, מיטן תנאי אַז אין 24 שעה מוז ער פאַרלאָזן עסטרייך אָן אַ רעכט אומצוקערן זיך.

ווי נאָר ער איז אַרויס אויף דער פריי, איז ער, אַ חרוב־קראַנקער, צוזאַמען מיט זיין משפּחה, אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז.

דער האַלסמאַן־פּראָצעס האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע. חוץ ד״ר הופקאַס פריער דערמאָנטן אַרטיקל אין דער ״*נייער פרייער פּרעסע*״, האָט דער באַקאַנטער שרייבער יעקב וואַסערמאַן פאַרעפנטלעכט אין דער זעלבער צייטונג אַן ״אָפענעם בריוו צום פּרעזידענט פון עסטרייך״, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי דער עקוויוואַלענט פון עמיל זאָלאַס J'accuse. מאַריאַן הייניש, אַן אָנפירערין פון דער שלום־באַוועגונג און אַ קעמפערין פאַר די פרויען־רעכט, האָט אָנגעזאַמלט 20.000 אונטערשריפטן לטובות פּיליפּ האַלסמאַן. דער וועלט באַרימטער ליטעראַט טאָמאַס מאַן האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער

פּאַרטיידיקונג פונעם באַשולדיקטן. אַ צייט נאָך דער באַפרייאונג, האָט דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּיין נישט אויפגעהערט. אין דער זעלבער צייט האָבן די וואָס האָבן געפּאָדערט נישט סתם אַ באַגנעדיקונג נאָר אַ יושרדיקע באַהאַנדלונג פונעם אומשולדיקן קרבן, ווייטער פאָרגעזעצט זייער טעטיקייט.

די פּסיכאָאַנאַליטישע וועלט האָט נאָכגעפאָלגט אַלע איינצלהייטן פונעם פּראָצעס. אַן עדות פון דעם איז די רעצענזיע אינעם ביולעטין פון דער ״אינטערנאַציאָנאַלער פּסיכאָ־אַנאַליטישער געזעלשאַפט״ פון יאָר 1931.[6] אין יאַנואַר 1930 איז דער דעמאָלט יונגער און שפּעטער גוט באַקאַנטער פּסיכאָאַנאַליטיקער עריך פראָם פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט אונטערן טיטל ״עדיפּוס אין אינסברוק״.

## די סאָציאַלע־פּאָליטישע אומשטענדן אין עסטרייך

דאָס באַקענען זיך מיט דער סאָציאָ־פּאָליטישער לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט, דערמעגלעכט נישט בלויז זיך בעסער צו באַקענען מיט די אומשטענדן, אין וועלכע דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען, נאָר אויך צו דערגיין צו די סיבות און די אינטערעסן וועלכע האָבן געפירט, אַז דער האַלסמאַן־פּראָצעס זאָל צושטאַנד־קומען. שטורמישע זענען געווען די יאָרן נאָכן צעפאַלן זיך פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע און אַנטשטייאונג פון דער עסטרייכישער רעפּובליק. די באַפעלקערונג האָט זיך גרופּירט אַרום דריי פּאָליטישע הויפּט־ריכטונגען. צום לינקן לאַגער האָבן געהערט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און אַ קליינע גרופּע באָלשעוויקן. אינעם רעכטן לאַגער זענען זייער שטאַרק געווען סיי די קריסטלעכע־סאָציאַלע פּאַרטיי, סיי די פּאַן־גערמאַנישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג.

די פּראָווינצן וואָס האָבן געבילדעט די רעפּובליק, זענען געווען אָרגאַניזירט אויף אַ פעדעראַטיוון אופן. די הויפּטשטאָטווין, מיט אירע צוויי מיליאָן איינוואוינער (אַ דריטל פון עסטרייכס באַפעלקערונג) האָט געהאַט דעם זעלבן סטאַטוס ווי יעדע פּראָווינץ און האָט גענאָסן, גלייך ווי אַלע אַנדערע, פון אַ גרויסער אויטאָנאָמיע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען געווען אַ מערהייט אין ווין און האָבן געהאַט איינגעפירט אַ גרויסע צאָל סאָציאַלע רעפאָרמען, און עס איז זיי געלונגן צו פאַרקלענערן די גרויסע השפּעה וואָס די קאַטוילישע קירך האָט ביז דעמאָלט געהאַט.

עסטרייך איז געווען צעטיילט אויף אַ קלאָרן אופן אין צווייען: אַ ״רויטע״, ד״ה, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ווין, און אַ ״שוואַרצע״, צו וועלכער עס האָבן געהערט אַלע אַנדערע רעכט־געשטימטע פּראָווינצן. יעדע איינע פון אָט די פּאָליטישע באַוועגונגען האָט געהאַט אַ פּריוואַטע אַרמיי: דער לינקער ״שוצבונד״ און דער רעכטער ״היימווער״. דער קאַמף איז נישט געווען בלויז צווישן אידעאָלאָגיעס. עס איז אויך געווען אַ קאַמף צווישן פּויערטום און דער ווינער בורזשואַזיע. כאָטש די פּאָליטישע פּאַרטייען פלעגן קומען, פון צייט צו צייט, צו אַ

6 German Psycho-Analytical Society. *Bul. Int. Psychoanal. Assn.*, 12:385-387 (BIP) (1931).

פּאַרשטענדיקונג, איז די לאַגע פּאָרט געווען אַ געשפּאַנטע. בלוטיקע צוזאַמענשטויסן פלעגן פּאָרקומען זייער אָפט.

מיט דער צייט איז די קריסטלעכע־סאָציאַלע פּאַרטיי פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַשיסטישע באַוועגונג. דעם 15טן יולי 1927 זענען פּאָרגעקומען בלוטיקע קאַמפן, אין וועלכע עס זענען געווען מער ווי 100 דערהרגעטע. צום סוף פון די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן, גלייך מיטן אויפשטייג פונעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, האָט זיך פּאַרגרעסערט די צאָל פון זייערע נאָכפאָלגער אין עסטרייך. אין יאָר 1934 האָבן זיי געפּרואווט איבערנעמען די מאַכט און דערמאָרדעט דעם קאַנצלער דאָלפוס, נאָר זייער איבערקערעניש איז נישט געלונגען. אין דער טיראָל־פּראָווינץ איז דער שטרייט־און־קאַמף צווישן דער ״שוואַרצער עסטרייך״ און דער ״רויטער ווין״ געווען זייער אַ גרויסער. די באַפעלקערונג איז געווען אָנגעשטעקט מיט שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע געפילן, טיילווייז ווי אַ פּועל־יוצא פונעם מוזן איבערגעבן איטאַליע אַ טייל פון איר טעריטאָריע, נאָך דער מלחמה.

דער אַנטיסעמיטיזם אין עסטרייך איז נישט געווען קיין נייע דערשיינונג. אין די לעצטע צייטן פלעגט ער זיך פּאַרשטאַרקן בעת סאָציאָ־עקאָנאָמישע קריזיסן. די יידן און אַנדערע מינדערהייטן פלעגט מען באַשולדיקן אין דעם פּאַל. די אַנטיסעמיטן פונעם רעכטן לאַגער פלעגן דעמאָניזירן סיי די יידן, סיי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און זיי מאַכן פּאַראַנטוואָרטלעך פּאַר אַלע אומגליקן. דאָס פלעגן זיי אָפן אַרויסזאָגן אין זייער העצערישער פּראָפּאַגאַנדע. ביזן ״אַנשלוס״, איז די אָפיציעלע פּאָליטיק פון דער עסטרייכישער רעגירונג נישט געווען קיין אַנטיסעמיטישע, אָבער ביי גאָר אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז די יידן־שינאה, וואָס פלעגט זיך אויסדריקן אויף אַלע אופנים, געוואָרן וואָסאַמאָל שטאַרקער. ווי אַ ביישפּיל איז כדאי צו דערמאָנען אָט דעם פּאַקט: אין יאָר 1936, צו זיגמונד פרוידס 80טן געבוירנטאָג, האָט שושניג, דער עסטרייכישער קאַנצלער, אים געשיקט אַ באַגריסונג־בריוו. פונדעסטוועגן איז דער דאָזיקער בריוו נישט דערמאָנט געוואָרן אין קיין שום צייטונג.[7]

אין טיראָל זענען די יידן געווען גאָר אַ מינדערהייט. אין יאָר 1914 זענען סך־הכל געווען 130 יידן אין אָט דער פּראָווינץ. דער אַנטיסעמיטיזם איז, פונעם מיטלאַלטער אָן, געווען שטאַרק איינגעוואָרצלט. כ׳וועל בלויז דערמאָנען עטלעכע פּאַקטן. אין די יאָרן 1348-1349 זענען דערמאָרדעט געוואָרן כמעט אַלע יידן, וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט אינעם אויסברוך פון דער שוואַרצער מגפה. עס איז זייער באַקאַנט דער עלילת דם פּאַל אין טרענט, אַ שטאָט אין טיראָל. דער כלומרשטער קרבן, סימאָן, איז קאַנאָניזירט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט איז אין לינץ פּאָרגעקומען אַן ענלעכער פּאַל. אין פּאַרשידענע צייטן זענען די טיראָלער יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן. אין יאָר 1919 איז געגרינדעט געוואָרן דער ״טיראָלער בונד״, און פון אַלע צווייגן פונעם ״היימוועהר״ איז דער טיראָלער געווען דער שטאַרקסטער.

דער פּאַקט וואָס דער האַלסמאַן־פּראָצעס איז צושטאַנד געקומען אין טיראָל און אין יענעם מאָמענט, לאָזט אונדז וויסן אַז כאָטש אָט דער פּראָצעס איז אין פיל פּרטים ענלעך אויף אַנדערע אַנטיסעמיטיש געשטימטע בילבולים, האָט ער אויך געהאַט אַ ספּעציפישע באַדייטונג. דאָס איז

7 *Encyclopaedia Judaica* III, 898.

געווען נאָך אַן עפּיזאָד אינעם ווילדן קאַמף צווישן דער ״שוואַרצער״ פּראָווינץ און דער ״רויטער״ ווין. ווי אַ ברענשטאָף פאַר אָט דעם צעפלאַקערטן פייער, זענען די אַנטיסעמיטישע געפילן זייער גוט אויסגענוצט געוואָרן.

## האַלסמאַן נאָך זיין באַפרייאונג

אין פּאַריז, נאָכן באַפרייט ווערן פונעם גיהנום, אין וועלכן מען האָט אים געהאַט אַריינגעוואָרפן, האָט זיך פאַרן כלומרשטן פּאָטער־מערדער אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. ער האָט זיין נאָמען Phillip Halsmann, געענדערט אויף Philippe Halsman, און ס׳איז אים געלונגען אויסצומיידן אַז זיין טרויעריקע געשיכטע זאָל באַקאַנט ווערן אין זיין נייער סביבה.

ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ פאָטאָגראַף. די בילדער וואָס ער פלעגט אַראָפּנעמען זענען געפעלן געוואָרן, און אַזעלכע וויכטיקע זשורנאַלן ווי *Viola, Paris Vogue* און *Vu* האָבן אים פאַרבעטן ווי אַ מיטאַרבעטער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פּאָרטרעט־עקספּערט און די פאָטאָגראַפיעס פון פיל באַקאַנטע פערזענלעכקייטן זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די פריער דערמאָנטע זשורנאַלן און אין קונסט־גאַלעריעס. ער האָט אויך געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פאַרבעסערטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט וואָס האָט אים געהאָלפן אין זיין אַרבעט.

אין יאָר 1937 האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין געהילפין איוואָן מאָסער. עס האָט זיך אויסגעוויזן גלייך ווי זיין טראַגישע פאַרגאַנגענהייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

אין 1940, ערב דער נאַצישער אינוואַזיע, איז זיין משפחה — זיין מוטער, שוועסטער, פרוי און טעכטערל אירענע — אַדאַנק זייערע פראַנצויזישע פּאַספּאָרטן, געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינגעלאָזט צו ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. האַלסמאַן האָט אַזאַ דערלויבעניש נישט באַקומען ווייל ער איז געווען אַ בירגער פון לעטלאַנד. באַלד ביים אָנקומען קיין אַמעריקע האָט זיך זיין שוועסטער געווענדעט צו פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין, וואָס האָט געפּועלט ביי עלעאָנאָר רוזוועלט, דעם פּרעזידענטס פרוי, מען זאָל אים געבן אַ וויזע. דעם 10טן נאָוועמבער 1940 איז פיליפּ האַלסמאַן אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

באַלד נאָך זיין אָנקומען האָט אַלבערט איינשטיין אים אָנגעשריבן, ענטפערנדיק אויף האַלסמאַנס דאַנק־בריוו, אַז ער ווינטשט אים פיל גליק, און אַז ער גראַטולירט אים ״...מיט זיין האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט נאָכאַמאָל פון די באַנדיטן״.

עס איז געווען אַ סכנה אַז צוליב זיינע אַמאָליקע לעגאַלע צרות אין עסטרייך מען זאָל אים נישט דערלויבן לאַנג צו פאַרבלייבן. טאָמאַס מאַן, וואָס איז אויך אַנטלאָפן פון די נאַציס קיין אַמעריקע, האָט זיך דעם 10טן פעברואַר 1943 אַרויסגעזאָגט לטובת האַלסמאַנען מיט אָט די ווערטער:

> איך וויל לאָזן וויסן, אַז איך בין שטענדיק געווען איבערצייגט אַז פיליפּ האַלסמאַן איז געווען אומשולדיק אינעם מאָרד צוליב וועלכן מען האָט אים באַשטראָפט אין יאָר 1928 אין אינסברוק, עסטרייך. דער פּסק־דין וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט קעגן אים איז געווען, אין

די אויגן פון יעדן עמפינדלעכן מענטש, אַן אומגערעכטער יורידישער קאָשמאַר וואָס איז צושטאַנד געקומען צוליב אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטישן דרוק. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פסק, צוזאַמען מיטן פראָפ׳ איינשטיין, דער שרייבער יעקב וואַסערמאַן, דער פראַנצויזישער מיניסטער פּיינלעווע, דוהאַמעל און אַנדערע. דער אורטייל איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַזאַ שוואַכן באָדן, אַז האַלסמאַן איז באַפרייט געוואָרן זיבן חדשים נאָכן (צווייטן מ. ק.) מישפּט. פאַר מיר וואָלט געווען אַ טראַגישער טעות אַז אָט דער געפּעלשטער פּראָצעס זאָל אַצינד זיין אַ שטערונג אַז האַלסמאַן זאָל ווייטער קענען פאַרבלייבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.[8]

אויך אין אַמעריקע האָט ער קיין שום עפנטלעכע אַרויסזאָגונג נישט געמאַכט בנוגע זיין פאַרגאַנגענהייט. מען וואָלט געקאָנט גלייבן, לויט זיין דערפאָלגרייך לעבן, אַז אָט די פאַרגאַנגענהייט האָט אין אים נישט געלאָזט קיין שום שפּורן. עס איז אָבער מעגלעך אַז די דעפּרעסיעס, וואָס פלעגן אים באַפאַלן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, זענען געווען פאַרבונדן מיט זיינע טראַומאַטישע איבערלעבונגען.

ווי אַ פאָטאָגראַף איז זיין דערפאָלג געווען גאָר אַ גרויסער. אין דער אַנקעטע וואָס אין יאָר 1958 האָט דורכגעפירט דער זשורנאַל *״פּאָפּולער פאָטאָגראַפי״*, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן צווישן די צען אָנערקענטסטע פאָטאָגראַפן פון דער גאַנצער וועלט. עס איז נישט געווען קיין שום בולטע פּערזענלעכקייט אין פּאָליטיק, קולטור אָדער קונסט ווען ער זאָל נישט האָבן פאָטאָגראַפירט, און קיין שום באַקאַנטער זשורנאַל אין וועלכן ער זאָל נישט האָבן מיטגעאַרבעט. ווי אַ ביישפּיל איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז 101 נומערן פונעם באַקאַנטן זשורנאַל *״לייף״* האָבן געשטעלט אויף דער הילע זיינע פּאָרטרעטן פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן. צווישן אָט די פּערזענלעכקייטן זענען געווען די קינסטלער סאַלוואַדאָר דאַלי (מיט וועמען ער איז געווען זייער באַפריינדעט), לואי אַרמסטראָנג, ריטאַ הייוואָרט, גראָוטשאָ מאַרקס און די פּאָליטיקער דזשאָן קענעדי, ריטשאַרד ניקסאָן און ווינסטאָן טשערטשיל. איינשטיינס באַקאַנטער פּאָרטרעט איז אויסגעקליבן געוואָרן דורכן זשורנאַל *״טיַים״* פאַר דער הילע פונעם נומער געווידמעט דער גרעסטער פּערזענלעכקייט פונעם 20טן יאָרהונדערט. דער זעלבער פּאָרטרעט איז גענוצט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער פּאָסט פאַר אַ פּאָסטמאַרקע.

פּיליפּ האַלסמאַן איז דער, וואָס האָט באַשאַפן דעם ״פּסיכאָלאָגישן פּאָרטרעט״, וועמענס ציל איז אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס עס שפּיגלט אָפּ צום בעסטן די אייגנקייטן פון דער פאָטאָגראַפירטער פּערזענלעכקייט.

> דער צויבער וואָס איך פיל באַקוקנדיק אַ מענטשנס פּנים, האָט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט... יעדעס פּנים וואָס איך באַטראַכט זעט אויס גלייך ווי ער וואָלט באַהאַלטן און טיילמאָל אין אַן אויגנבליק אַנטפּלעקט די סודות פון אַן אַנדער לעבעדיקן וועזן... דאָס אויפכאַפּן אָט די סודות האָט זיך פאַרוואַנדלט אינעם ציל און גרעסטן באַגער פון מיין לעבן.[9]

8 Hall, Murray G.: The Case of Philipp Halsmann. *Radio Austria International*, (2002).

9 Polack, Martin: *Anklage Vatermord. Der Fall Phillip Halsmann*, Zsolnay-Verlag, Viena 2002, 324 p.

ער איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פון זשורנאַל־פאָטאָגראַפן און אויך געלערנט אַלס פּראָפעסאָר זיין ספּעציעלן געביט, די ״פּסיכאָלאָגישע פאָטאָגראַפיע״, אין דער New York School for Social Research.

זיינע פּאָרטרעטן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אינדיווידועלע אויסשטעלונגען אין די באַרימטסטע מוזעומס און קונסט־גאַלעריעס איבער דער גאַנצער וועלט, און טייל פון זיי זענען דערישנען אין פאַרשידענע ביכער. מעגלעך אַז צווישן אָט די ביכער איז "Dali's moustache" דער באַקאַנטסטער.


אַ מוסטער פון פיליפּ האַלסמאַנס סעריע סורעאַליסטישע פאָטאָ־בילדער און פּאָרטרעטן פון סאַלוואַדאָר דאַלי

דבורה ה. וויינשטיין האַלט אַז:

> די פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן פון איינשטיין, טשערטשיל און פיל אַנדערע וועלן בלייבן אויף אייביק ווי די וויכטיקסטע אימאַזשן פון אונדזער עפּאָכע. עס איז איראָניש, וואָס דער ווער עס האָט באַהאַלטן אַזוי פיל סודות וועגן זיך אַליין, האָט אזוי פיל סודות פון די באַקאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פונעם 20טן יאָרהונדערט אַנטפּלעקט אין זייערע פּאָרטרעטן.[10]

דער אַדוואָקאַט ערנסט רוזיצקאַ, וועמען כ׳האָב פריער דערמאָנט, איז דורך די נאַציס אומגעבראַכט געוואָרן אין בוכענוואַלד. זיין זון, דער אַדוואָקאַט מאַרטין ה. ראָס, האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאָרגעזעצט דעם קאַמף קעגן דעם אומרעכט, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן האַלסמאַנען. דעם 18טן פעברואַר 1973 האָט ער געשיקט אַ בריוו דעם עסטרייכישן פּרעזידענט פראַנץ יאָנאַס, באַקלאָגנדיק זיך קעגן דעם אומגערעכטן אורטייל, פון וועלכן האַלסמאַן איז נאָך אַלץ געווען אַ קרבן, צוזאַמען מיט דער ביטע אַז דער אורטייל זאָל אַנולירט ווערן, און אַזוי אַרום אַראָפּנעמען פון עסטרייך דעם שאַנדצייכן, און אויך געבעטן מען זאָל האַלסמאַנען דערלויבן צו באַזוכן זיין פאָטערס קבר. דעם 29טן מערץ 1973, ווי אַן ענטפער אויף אָט דער ביטע, האָט אים דער גענעראַל פּראָקוראָר פון עסטרייך געלאָזט וויסן אַז ״...דער אורטייל איז בטל געוואָרן, און עס איז נישט מער גילטיק דער פאַרבאָט קעגן ה׳ האַלסמאַנס קומען קיין עסטרייך, ער זאָל קענען באַזוכן זיין פאָטערס קבר״.

פיליפּ האַלסמאַן איז געשטאָרבן דעם 25טן יוני 1979, אָבער די געשיכטע האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט.

10 Weinstein, Deborah W. (2000): "The Austrian Dreyfus Affair". *Reform Judaism Magazine*, Union of America Hebrew Congregation, Nov. 2000.

דעם 8טן אויגוסט 1991 איז פֿאָרגעקומען אַ הזכרה־אַקט אויפֿן אינסברוקער בית־עולם, ביים קבר פֿון מאַרקוס האַלסמאַן, פֿיליפּס פֿאָטער.[11] דער הויפּט־רב פֿון עסטרייך, קרובים און פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה זענען בייגעווען. מען האָט געהאַט דערלויבט, אַז דעם קאָפּ פֿונעם מת, וואָס איז פֿאַרהיט געוואָרן אינעם אינסטיטוט פֿאַר יוסטיץ־מעדיצין פֿונעם אינסברוקער אוניווערסיטעט, זאָל מען באַערדיקן צוזאַמען מיטן גוף. איוואָן, פֿיליפּ האַלסמאַנס אלמנה, האָט שפּעטער דערקלערט אַז "...די רעליגיעזע צערעמאָניע וואָלט געהאָלפֿן לייכטער צו מאַכן די באַהאַלטענע שמערצן, וואָס פֿיליפּ און זיין מוטער האָבן געליטן צוליב אָט דער גרויסער טראַגעדיע". פֿונדעסטוועגן, איז דאָס אויך נאָך נישט געווען דער סוף פֿון דער טראַגעדיע. מאַרטין פּאָלאַק רופֿט עס אָן "אַ טראַגיש־גראָטעסקער אינצידענט".[12] נאָך דעם וואָס מען האָט די ביינער פֿונעם מת אַרויסגענומען פֿונעם קבר, פֿאַראיינקיט זיי מיטן קאָפּ, צוריק באַערדיקט, און דער רב האָט געזאָגט קדיש, איז אָנגעקומען דער שעף פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר יורידישער מעדיצין און פֿאַראָרדנט אַרויסצוגראָבן דעם קאָפּ, ווייל עס האָט נאָך געפֿעלט זיין פּערזענלעכע באַשטעטיקונג. מען האָט געמוזט אַרויסנעמען דעם קאָפּ פֿונעם קבר, און נאָך זיין פּערזנלעכער צושטימונג האָט ער דערלויבט מען זאָל אים צוריק מקבר זיין.

ווי כ'האָב שוין פֿריער דערמאָנט, האָט פֿיליפּ האַלסמאַן געהאַלטן בסוד נאָך זיין באַפֿרייאונג זיין טרויעריקע פֿאַרגאַנגענהייט. ווי אַזוי איז באַקאַנט געוואָרן דער פֿאַקט אַז דער באַקאַנטער פֿאָטאָגראַף פֿיליפּ האַלסמאַן איז דער, וואָס איז באַשולדיקט געוואָרן אין האָבן דערמאָרדעט זיין פֿאָטער?

זיגמונד פֿרוידס ביאָגראַפֿן און נאָכפֿאָלגער דערגרונטעווען זיך אין אַלע זיינע ווערק און עס איז זיי באַקאַנט דער גורל פֿון יעדן איינעם, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן. עס איז זייער שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס עס איז קיינעם פֿון זיי נישט איינגעפֿאַלן, לייענענדיק פֿרוידס אַרטיקל, צו דערגיין, וואָס איז געוואָרן פֿונעם אָנגעקלאָגטן. האַלסמאַנס אידענטיטעט איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַדאַנק זיינעם אַ תלמיד, דעם באַקאַנטן פֿאָטאָגראַף בען פֿערנאַנדעז. בעת ער האָט אים געהאַט פֿאַרבעטן מיטצוגיין מיט אים אין אַ טורמע, וואו ער האָט געלערנט אַ גרופּע אַרעסטירטע פֿאָטאָגראַפֿיע, האָט אים האַלסמאַן געענטפֿערט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופֿן, אַז פֿאַר אים וואָלט אוממעגלעך געווען אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון אַ תפֿיסה. ביסלעכווייז האָט ער זיין תלמיד דערציילט זיין טראַגישע געשיכטע.

אין יאָר 1981 האָט אַלען אַרפּאַדי, האַלסמאַנס אַ צווייטער תלמיד, נישטערנדיק אין זיין קאָרעספּאָנדעץ, געפֿונען אַ בריוו וואָס פֿערנאַנדעז האָט געשיקט האַלסמאַנען, אין וועלכן ער פֿאַררופֿט זיך אויף פֿרוידס אַרטיקל וועגן פּראָצעס. ער האָט איבערגעלייענט אין פֿרוידס געזאַמלטע ווערק דעם אַרטיקל, און פֿאַרשטאַנען אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם זעלבן האַלסמאַן. רעדנדיק מיט פֿערנאַנדעז, האָט אַרפּאַדי זיך דערוואוסט וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

11 "Ein Kaddisch für Halsmann", *Illustrierte Neue Welt*, Wien Okt./Nov. 1991.
12 זען הערה 9 אויבן.

זייענדיק באַקאַנט מיט די איינצלהייטן פֿונעם פּראָצעס און דער שווערער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספֿער וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, איז לײַכט צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מען האָט אים באַצייכנט ווי דער עסטרייכישער "דרייפֿוס־פּראָצעס". דעם פֿראַנצויזישן קאַפּיטאַן האָט מען פֿאַרמישפּט פֿאַרן כלומרשטן האָבן פֿאַרראַטן זײַן פֿאָטערלאַנד, הגם מען האָט אויסגעפֿונען אַז די באַשולדיקונגען זענען געווען פֿאַלש. כאָטש עס איז נישט געווען קיין שום באַווייז, האָט מען באַשולדיקט אויך דעם לעטישן ייִד פֿיליפּ האַלסמאַן אין האָבן באַגאַנגען אַ העסלעכן מאָרד. טראָץ דעם חילוק צווישן ביידע פּראָצעסן, האָט זיי ביידע פֿאַראייניקט אַ געמיינזאַמער קאָנטעקסט: די ייִדן־האַס. אין ביידע פֿאַלן איז נישט אויסגעקומען שווער דאָס אויסנוצן די אַנטיסעמיטישע געפֿילן אין סביבות, אין וועלכע דער געפֿיל אַז דער ייִד איז געגליכן צום טײַוול, געווען זייער אײַנגעקריצט.

עס איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זיגמונד פֿרויד האָט געוואָלט פֿאַרעפֿנטלעכן זײַן אַרבעט, וואָס איז בלויז געשריבן געוואָרן ווי אַ מעמאָראַנדום. דער מחבר האָט געהאַט אַ קלאָרע שטעלונג אין שייכות מיטן פּראָצעס און ער האָט געוואָלט, אַז אָט די שטעלונג זאָל באַקאַנט ווערן. אַזוי אַרום לאָזט זיך פֿאַרשטיין זײַן פּאָלעמישער טאָן, אַ זאַך וואָס מען קען זעלטן ביי אים געפֿינען. זײַן קריטיק, סיי קעגן די ריכטער, סיי קעגן די עקספּערטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די כלומרשטע מאָטיוואַציעס, וואָס האָבן דעם באַשולדיקטן משטיינס־געזאָגט געטריבן דורכצופֿירן דעם מאָרד, איז די קריטיק פֿון עמיצן, וואָס זאָגט זיך אַרויס, אָן קיין שום צווייפֿל, קעגן אַזאַ אומיושרדיקן מישפּט. דערמאָנענדיק דידעראָס ווערטער, גיט ער צו פֿאַרשטיין, אַז דער באַשולדיקטער איז נישט קיין קינד און אוודאי נישט קיין אידיאָט, און אַז נישט ער האָט אָפּגעשניטן זײַן טאַטנס קאָפּ, נאָר דאָס האָבן געטאָן די באַשולדיקער. און אָט אַזוי קערט פֿרויד אום דעם פּסיכאָלאָגיע־שטעקן, באַנוצנדיק זיך מיט דאָסטאָיעווסקיס ווערטער, קעגן די, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַנוצן מיט זײַן טעאָריע אויף אַזאַ מיאוסן אופֿן. און דעם אַנעקדאָט וועגן כלומרשטן גנב נוצט ער אויס כדי נאָך קלאָרער אונטערצושטרייכן ווי נאַריש עס איז די באַשולדיקונג. דאָס שליסט נישט אויס פֿרוידס פֿאַרלאַנג, אַז מען זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק, ווען מען וויל זיך באַנוצן מיט זײַנע טעאָריעס (אין דעם ספּעציפֿישן פֿאַל, מיטן עדיפּוס־קאָמפּלעקס). עס איז אָבער קלאָר, אַז זײַן הויפּט־כוונה איז די פֿריער דערמאָנטע.

ווען זיגמונד פֿרויד האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן אַרבעט, איז דער פּראָצעס אַלעמען געווען באַקאַנט. קיין איינצלהייטן האָט ער נישט גערדאַרפֿט צוגעבן. פֿרוידס באַשולדיקונגען קעגן דעם יורידישן סיסטעם, וואָס היינט קענען זיי אויסזען פֿאַרשטעלטע, זענען אין יענעם מאָמענט געווען מער ווי אָפֿענע. מעגלעך, אַז צו די קומענדיקע אויסגאַבעס פֿון פֿרוידס ווערק וועט מען צום אַרטיקל מוזן צוגעבן די געהעריקע פּרטים, כדי דער לייענער זאָל פֿאַרשטיין אויף אַ געניִיעם אופֿן דעם אינהאַלט. זיגמונד פֿרויד האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן אין אַ זײַט פֿון די סאָציאַלע אומשטענדן, און ווען ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער געלאָזט וויסן זײַן מיינונג און זײַן ביישטייער כדי צו קענען זיי בעסער צו פֿאַרשטיין. אַ באַווייז דערפֿון זענען אַזעלכע וויכטיקע ווערק ווי "מאַסן־פּסיכאָלאָגיע און דער איך־אַנאַליז", "די צוקונפֿט פֿון אַן אילוזיע",



פיליפּ האַלסמאַן אין די שפּעטערע יאָרן

''די סיבות פון די מלחמות'', און נאָך אַנדערע. ער פלעגט אָבער זיין אָפּגעהיט זיי צו פאַרעפנטלעכן אין צייטן, אין וועלכע עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז דער פסיכאָאַנאַליז זאָל פאַרווערט ווערן. דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו, צוליב וועלכן ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו לאָזן אין דרוק די דריטע און וויכטיקסטע טייל פון זיין לעצט ווערק ''משה און דער מאָנאָטעאיזם''. אין 1939, זייענדיק אין לאָנדאָן, האָט ער געדרוקט דאָס בוך, וואָס ער האָט געהאַט פאַרענדיקט מיט פינף יאָר פריער. דער כוח איינצוהאַלטן זיין כעס האָט אים אָפּגעהאַלטן אַריינצופאַלן אין צאָרן. דאָס האָט ער געהאַט געטאָן נאָך אין יאָר 1913, ווען זיינע שווייצאַרישע תלמידים מיט קאַרל יונגן בראש האָבן אים פאַרלאָזט. אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן זיין קאָמענטאַר וועגן מיקעלאַנדזשעלאָס ''משה''. אין דער סקולפּטור האָט ער געזען דעם תנ''ך־העלד נישט ווי אַלע האָבן ביז דעמאָלט געהאַלטן: גרייט פריי צו לאָזן זיין צאָרן קעגן אומגעטרייען פאָלק. פאַר פרוידן האָט מיקעלאַנדזשעלאָ פאַראייביקט משהן איינהאַלטנדיק זיין כעס, כדי אויסצומיידן, אַז די לוחות זאָלן נישט אַרויספאַלן פון זיינע הענט און אַזוי־אַרום צעשטערט ווערן. אָן שום צווייפל האָט פרויד אין משהן פּראָיעקטירט זיין אייגענע איינגעהאַלטנקייט, וואָס האָט אים געעצהט זיך נישט לאָזן אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן זיינע קעגנער, ווייל דאָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר די צוקונפט פון דער פסיכאָאַנאַליטישער באַוועגונג. נעמענדיק אין באַטראַכט אָט די אייגנשאַפטן פונעם פאָטער פון פסיכאָאַנאַליז, ווייזט זיך בולטער אַרויס די שטעלונג זיינע אין שייכות מיטן האַלסמאַן־פּראָצעס. איך וויל איבערחזרן דאָס פריער דערמאָנטע: ''די אָפּשאַצונג פון דער פאַקולטעט אינעם האַלסמאַן־פּראָצעס'' איז די אַרבעט אין וועלכער ער האָט אויסגעדרוקט אויף אַ מוטיקן אופן זיין פּראָטעסט קעגן דעם פאַרברעכן וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אַן אומשולדיקן ייִד.

## אַ פאַרגעסענער פּראָצעס

להיפּוך צום דרייפוס־פּראָצעס, וואָס ווערט כסדר דערמאָנט, כאָטש ס'איז שוין אַריבער מער ווי אַ יאָרהונדערט, איז דער האַלסמאַן־פּראָצעס אינגיכן פאַרגעסן געוואָרן. פאַרשידענע

סיבות האָבן געפירט צו דעם. אַ געוויסע ראָל האָט געשפּילט דער פאַקט, וואָס דער הויפּט־קרבן, פיליפּ האַלסמאַן, האָט געוואָלט באַהאַלטן זיין טראַגעדיע. עס איז אָבער פאַראַן אַ וויכטיקערע סיבה. דער מעטעאָרישער וואוקס פונעם נאַציזם האָט פאַרוואַנדלט דעם פּראָצעס אין אַ כמעט אומזעבאַרן טראָפּן אין ים פון די מוראדיק גרויזאַמע שפּעטערדיקע געשעענישן.

ביי פרוידן איז דער אינטערעס צו פאַרשטיין די סיבות פונעם אַנטיסעמיטיזם געווען אַ גרויסער. אָט דער אינטערעס האָט אים געפירט זיך אָפּצוגעבן, אין זיינע לעצטע יאָרן, מיט זיין ״משה און דער מאָנאָטעיזם״, וואו ער פּרוּווט צו דערגיין צו די סיבות פון יידנהאַס. מיר ווייסן נישט אויף וויפל עס האָט געווירקט אויף אים דער האַלסמאַן־פּראָצעס. ליידער איז עס נישט געווען דער איינציקער אַנטיסעמיטישער מאַסיווער אויסדרוק. דער אויפקום פונעם נאַציזם איז זיכער געווען דער דעציִדירנדיקער פאַקטאָר.

עס איז אָבער פאַראַן אַ פראַגע וואָס בלייבט אָן אַן ענטפער: פאַרוואָס איז אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער וועלט פאַרשוויגן געוואָרן פרוידס אַרטיקל וועגן האַלסמאַן־פּראָצעס? פיל היסטאָריקער און פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן פאָרשן אַלע פּרטים וועגן פרוידס לעבן און שאַפן. וועגן יעדע אַרבעט זיינע זענען געשריבן געוואָרן אומצאָליקע קאָמענטאַרן. עס קומט אויס גלייך ווי, אַז ווען מען האָט זיך דערנענטערט צו ״די אָפּשאַצוג פון דער פאַקטולטעט אינעם האַלסמאַן־פּראָצעס״, וואָלטן אַלע מסכים געווען אַז אָט דעם אַרטיקל דאַרף מען אויסמיידן. די פּסיכאָאַנאַליטיקער וואָס זענען געווען פרוידס מיטצייטלער, איז געוויס געווען באַקאַנט דער האַלסמאַן־פּראָצעס. די שפּעטערדיקע פאָרשער האָבן אין אָט דער אַרבעט געהאַט גענוג עלעמענטן כדי צו דערגיין צו די היסטאָרישע פאַקטן און פאַרשטיין פרוידס כוונה.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, און איך ברענג עס בלויז ווי אַ השערה, אַז עס איז פאַראַן אַן אומוויסיקער פאַרבאָט צוצורירן זיך צו געוויסע טעמעס. נישט רעדן אָדער נישט נאָכפרעגן זיך וועגן אַ געוויסן ענין. איך וועל פאַרענדיקן מיין אַרבעט מיט אָט דער פראַגע, גלייבנדיק אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע וויכטיקע ענינים צו וועלכע עס זענען פאַראַן וויסיקע אָדער אומוויסיקע פאַרבאָטן זיך צו דערנענטערן.